30 Letters 30 Days
with Rabbi Shais Taub

LETTER #10: MONDAY 20 ADAR - MARCH 13

# Gratitude Increases Your Blessings

*Printed in Igros Kodesh Vol. 18 pp 137-138*

**ו'תרלט**

By the Grace of G-d
11 Teves, 5719
Brooklyn

Blessing and greetings,

In response to your letter dated Dec. 13th in which you write of the different occurrences that you and your husband have experienced. You conclude that matters have never been good, nor are they good currently, etc., and from this, your outlook on the future is clear.

I'm surprised by how you reached such a conclusion as you write that only a few remain from your entire family, and you are among them. You also write about certain troubles and illnesses that you have endured, and also about your husband — that no one imagined…, and that he achieved…. Additionally, you have a house to live together in, etc.

Viewing everything that has transpired, not only [matters which appear to be good] outwardly, but things that took place in your own home, how can it

ב"ה,
י"א טֵבֵת, תשי"ט
בְּרוּקְלִין.

בְּרָכָה וְשָׁלוֹם!

אִין עֶנְטְפֶער אוֹיף אַיְיעֶר בְּרִיף פוּן 13/12, אִין וֶועלְכֶען אִיר בַּאשְׁרַיְיבְּט דִי פֶערְשִׁידֶענֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען וָואס אִיר אוּן אַיְיעֶר מַאן שֶׁיִּחְיֶה זַיְינֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוּן מַאכְט אַ סַךְ הַכֹּל, אַז עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען נִיט גוּט אוּן אִיצְטֶער אוֹיךְ נִיט גוּט וכו', אוּן פוּן דֶעם אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַיְיעֶר אוֹיסְקוּק אוֹיף דֶער צוּקוּנְפְט.

עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר, אַיְיעֶר אוֹיסְפִיר צוּ אַזַא סַךְ הַכֹּל, וֶוען אִיר אַלֵיין שְׁרַיְיבְּט דָאךְ, אַז פוּן דֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה, זַיְינֶען פַארְבְּלִיבֶּען נָאר גֶעצֵיילְטֶע אוּן אִיר צְוִוישֶׁען זֵיי, אוֹיךְ שְׁרַיְיבְּט אִיר וֶועגֶען פֶערְשִׁידֶענֶע פֶּעלֶערְהַאפְטִיקַיְיט אוּן מַחֲלוֹת וָואס מֶען אִיז אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אוֹיךְ וֶועגֶען אַיְיעֶר מַאן שֶׁיִּחְיֶה שְׁרַיְיבְּט אִיר, אַז מֶען הָאט זִיךְ נִיט פָארְגֶעשְׁטֶעלט וכו' אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן אִין עִנְיָנִים וכו', אוּן אִיר גֶעפִינְט זִיךְ בֵּיידֶע אִין אַ דִירָה וכו'.

אִיז אַרַיְינְקוּקֶענְדִיג אִין דֶעם אַלֶעם, וָואס עֶס טוּט זִיךְ, אוּן נִיט נָאר אוֹיסֶערְלִיךְ נָאר וָואס עֶס



SoulWORDS
The Letter is reprinted with permission from Kehot

be that your conclusion is what you write?

Of course, one must request of Hashem that matters should continuously improve, for He is "The essence of good," and "It is in the nature of good to do good." However, you must also not ignore Hashem's kindnesses that you have already experienced, especially when — as you write — you have witnessed revealed kindnesses and open miracles.

I would like to stress that my intention is not for you to dismiss seeking your needs, nor am I suggesting that you are not lacking in these bare essentials. I only want to highlight the good, and the utmost good, which you and your husband have witnessed with your physical eyes.

Another relevant point on this topic (which is no less important): It is explained in the Torah that the amount of blessing [received from] Hashem is — to a certain extent — dependent on how the person accepts it. One's conduct in compliance with this and in accepting the kindness enlarges the conduit and vessel with which one will receive His kindness in the near future, and in the future in general.

Among the solutions for this: When one desires to receive additional blessings from Hashem, they should do a favor to another Jew, whether material or spiritual. Furthermore, everyone is required to give tzedakah, meaning that doing so is within everyone's capabilities, and the same applies to assisting another spiritually. [Doing so] fulfills a commandment of the Torah, "Love your fellow," about which Rabbi Akiva says, "it is a foundational principle of the Torah," and this increases Hashem's blessings. Additionally, the more one increases in this, the more satisfaction they receive from seeing the good fruit of their labor, and

טוט זיך אין הויז, הֲיִתָּכֵן, אַז דֶער סַךְ הַכֹּל אִיז דֶער וָואס אִיר שְׁרַײַבְּט?!

פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אַז מֶען דַארְף בֶּעטֶען בַּא הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ עֶס זָאל זַײַן בֶּעסֶער און נָאךְ בֶּעסֶער, וָוארוּם עֶר אִיז דָאךְ דֶער עֶצֶם הַטּוֹב, וּמִטֶּבַע הַטּוֹב לְהֵיטִיב, אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיךְ נִיט אִיגְנָארִירֶען דִי חֲסָדִים פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהֶען, און בִּפְרַט אַז וִוי אִיר שְׁרַײַבְּט אַז מֶען הָאט גֶעזֶעהֶען חֲסָדִים גְּלוּיִם, און אָפֶּענֶע נִסִּים.

אִיךְ וִויל אוּנְטֶערְשְׁטְרַײַכֶען, אַז אִיךְ מֵיין נִיט צוּ זָאגֶען מִיט דֶעם אַז מֶען דַארְף נִיט אַרַײַנְקוּקֶען אִין דֶעם וָואס מֶען דַארְף, און מֵיין אוֹיךְ נִיט צוּ זָאגֶען, אַז עֶס פעלט אַײַךְ נִיט אִין עִנְיָנִים עִיקָּרִים הַנַּ"ל, אִיךְ וִויל נָאר בַּאטָאנֶען דָאס גוּטֶע, און גוּט אִין דֶער גְרוֹיסֶער מָאס, וָואס אִיר און אַײַעֶר מַאן הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אֲפִילוּ מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגֶען.

נָאךְ אַ נְקוּדָּה אִין דֶעם (און וֶועלְכֶע אִיז נִיט וֵוינִיגֶער וִויכְטִיג), וָואס עֶרְקְלֶערְט אִין תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה, אַז דִי מָאס בְּרָכוֹת פוּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וֶוענְדֶעט זִיךְ אִין אַ גֶעווִיסֶער מָאס, וִוי דֶער מֶענְשׁ נֶעמְט זֵיי אוֹיף, און אוֹיפפִירוּנְג אִין אַײַנְקְלַאנְג מִיט דֶעם און אַנֶערְקֶענוּנְג פוּן דִי חֲסָדִים, פַארְגְרֶעסֶערְט דָאס דֶעם צִנּוֹר וְהַכֵּלִים אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען זַײנֶע חֲסָדִים בֶּעָתִיד הַקָּרוֹב וּבֶעָתִיד בִּכְלַל.

פוּן דִי עֵצוֹת הַיְעוּצוֹת צוּ דֶעם, וֶוען מֶען וִויל בַּאקוּמֶען אַ הוֹסָפָה אִין דִי בְּרָכוֹת פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, אִיז צוּ טָאן אַ טוֹבָה אַ צְוֵויטֶען אִידֶען בְּגַשְׁמִיּוּת אָדֶער בְּרוּחְנִיּוּת, און אַזוֹי וִוי אִין גֶעבֶּען צְדָקָה גַּשְׁמִיּוּת נוֹיטִיגְט זִיךְ יֶעדֶערֶער, דָאס הֵייסְט אַז יֶעדֶערֶער הָאט אַ מֶעגְלִיכְקַײט אִין דֶעם, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אִין טָאן אַ טוֹבָה בְּרוּחְנִיּוּת, און וָואס מֶער מֶען גִיט צוּ אִין דֶעם, אִיז אוֹיסֶער וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים אַ צִיווּי פוּן תּוֹרָה, וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ וָואס רַבִּי עֲקִיבָא זָאגְט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה, און וָואס דָאס גִיט צוּ אִין דִי בְּרָכוֹת פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, קוּמְט דָא אוֹיךְ צוּ דֶער סִפּוּק נַפְשִׁי, וָואס מֶען זֶעהט פְּרִי טוֹב בַּעֲמָלוֹ, און וָואס דָאס וִוירְקְט דִירֶעקְט און אוּמְדִירֶעקְט צוּם גֶעזוּנְט

this has both a direct and an indirect effect on the improvement of one's health and on their perspective on everything that occurs within and around them.

May it be Hashem's will for you to inform me of good tidings in all of the above.

You should have [a sofer] check your husband's tefillin and the mezuzos of your home. In addition, you should also observe the proper custom of Jewish women — to always give tzedakah before lighting candles on Erev Shabbos and Erev Yom Tov.

With blessings,

Signed by a member of the secretariat in the name of the Rebbe

בֶּעסֶערוּנְג אוּן אוֹיף דֶער אָפְּשַׁאצוּנְג הַשְׁקָפָה פוּן דֶעם אַלֶעס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעטָאן אִין זִיךְ אוּן אַרוּם זִיךְ,

וִיהִי רָצוֹן אִיר זָאלְט אָנְזָאגֶען גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת בְּכָל הַנַּ"ל.

מֶען הָאט גֶעדַארְפְט בּוֹדֵק זַיְין דִי תְּפִילִין פוּן אַיְיעֶר מַאן אוּן אוֹיךְ דִי מְזוּזוֹת בַּא אַיְיךְ אִין דִירָה, אוּן אִיר זָאלְט אָפְּהִיטֶען דֶעם גוּטֶען מִנְהָג פוּן בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל, צוּ גֶעבֶּען אוֹיף צְדָקָה יֶעדֶער מָאל פַאר לִיכְט צִינְדֶען עֶרֶב שַׁבָּת אוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב.

בִּבְרָכָה,

בְּשֵׁם כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ"ר שְׁלִיטָ"א
מַזְכִּיר



The Letter is reprinted with permission from Kehot